האט צו מיר געזאגט אויף לשון־קודש: שאול,
שאול וואס פארפאלגסטו מיך? עס איז שווער
15 פאר דיר צו שטויסן קעגן שפּיציקע שטעקנס. און
איך האב געזאגט: ווער ביסטו, האר? און דער האר
האט געזאגט: איך בין ישוע, וועמען דו פארפאלגסט.
16 נאר הייב דיך אויף, און שטעל דיך אויף דיינע
פיס; ווארום פאר דעם דאזיקן האב איך מיך צו דיר
באוויזן, דיך צו מאכן פאר א דינער און עדות פון
דעם, וואס דו האסט געזען פון מיר, און פון די
זאכן, אין וועלכע איך וועל מיך צו דיר באווייזן;
17 איך וועל דיך מציל זיין פון דעם (יידישן) פאלק און
18 פון די גוים, צו וועלכע איך שיק דיך, אויפצועפענען
זייערע אויגן, אז זיי זאלן זיך אומקערן פון דער
פינסטערניש צום ליכט, און פון דער מאכט פונם
שטן צו ג־ט, כדי זיי זאלן באקומען פארגעבונג
פון זינד, און א ירושה צווישן די, וועלכע זענען
19 געהייליקט געווארן דורך אמונה אין מיר. דערפאר,
א קעניג אגריפּא, בין איך נישט געווארן אומגעהארכ־
20 זאם צו דעם חזיון פון הימל; נאר ערשטנס צו די
אין דמשק און אין ירושלים, און איבערן גאנצן לאנד
יהודה, און צו די אומות־העולם האב איך געדרשנט,
אז זיי זאלן תשובה טון און זיך אומקערן צו ג־ט,
און טון מעשים (טובים), וואס זענען ראוי פון
21 תשובה: צוליב דעם דאזיקן האבן מיך יידן געכאפּט
אינעם בית המקדש, און האבן פארזוכט מיך צו טייטן.
22 דעריבער אזויווי איך האב באקומען די הילף, וואס
איז פון ג־ט, שטיי איך ביז צום היינטיקן טאג,
עדות־זאגנדיק פאר קליין און פאר גרויס, און זאג
נישט קיין שום זאך א חוץ דאס, וואס די נביאים
און משה (רבינו) האבן געזאגט, אז עס וועט געשען:
23 אז דער משיח וועט ליידן, און אז ער, דער ערשטער